# פרשת שלח כ׳ – כ"ו סיון תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו, ולבן הר"ר **יהושע איצקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורון דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"צ רבי חיים מיכלאוויטש שליט"א** האדמו"ר מזלאטשוב נתני׳, שישב שבעה על פטירת אחיו **הרה"צ רבי מרדכי מאיר מיכלאוויטש זצ"ל** האדמו"ר מזלאטשוב בני ברק.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** ללארענס, והשתתף אצל הכנסת ששה ספרי תורה, שנכתבה על ידי הר"ר **יהושע גוטמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות בספר תורה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך יצא **רבינו שליט"א** מבית הנדיב עם אחד מהספרי תורה בזרועו, ביחד עם **כ"ק האדמו"ר מביאלא** (לוגאנו) **שליט"א, ובני כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א**, וספרי תורה בידיהם. **רבינו שליט"א** רקד עם הספר תורה למשך זמן, כאשר לפניו צועדים שורות של ילדי מוסדותינו הק׳ בוויליאמסבורג, שהגיע להשתתף לכבוד הנדיב הדגול הי"ו.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת חלוקת פרסים לתלמידי כיתה ט׳ של התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים בבנין הבית חינוך לבנות דקהלתנו הק׳.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל׳ נטילת ידים סימן ק"ס סעיף י"ג) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בפרקי אבות בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון ויהי בנסוע (במדבר י-לה). די גמרא (שבת קטו:) זאגט, אז די פרשה פון ויהי בנסוע האט סימניות אין אנהייב פון די פרשה, און ביים סוף פון די פרשה. עס איז דא א נו"ן הפוכה אין אנהייב פון די פרשה, און א נו"ן הפוכה ביים סוף פון די פרשה. און די גמרא זאגט א טעם, ווייל ויהי בנסוע איז א ספר חשוב בפני עצמו, עס איז א עקסטערע ספר פאר זיך אליין. ספר במדבר איז איינגעטיילט אין דריי ספרים, איין ספר איז ביז די פרשה פון ויהי בנסוע, און די צוויי פסוקים פון ויהי בנסוע איז א עקסטערע פרשה, און פון נאך ויהי בנסוע ביז צום סוף פון די פרשה איז נאך א ספר. האט מען געשטעלט סימניות צו ווייזען, אז דאס איז א באזונדערע ספר חשוב בפני עצמו. און עס דארף האבן א ביאור, פארוואס רופט מען עס אן, אז עס איז א ספר 'חשוב' בפני עצמו. - און אז מען וויל שטעלן א סימן קען מען שטעלן א א' אדער א ב' אדער א ג', פארוואס האט מען פונקט געשטעלט דעם אות נו"ן פאר א סימן. - און אז מען שטעלט שוין יא נו"ן פאר א סימן, פארוואס דארף עס זיין איבערגעדרייט, מען קען שטעלן א גראדע נו"ן פאר א סימן.

**די** וועלט זאגט, אז ויהי בנסוע איז א ספר בפני עצמו, יעדער מענטש ווילאנג ער איז ביי זיך אינדערהיים, איז ער מסודר. ער האט זיין שעה וואס ער לערנט, און ער דאווענט. ער גיט אכט אויף זיין עסן, אז ער זאל פירן א יודישע שטוב. בדרך כלל פירט זיך אן ערליכער יוד אינדערהיים ווי עס דארף צו זיין. אבער ווען מען גייט ארויס פונעם שטוב, הייבט זיך אן געוויסע התרשלות אפילו אויף זאכן וואס מען איז נזהר אין שטוב. ער קען נישט דאווענען מיט זיין מנין קבוע, אמאל האט ער יא א מנין, און אמאל האט ער נישט א מנין, אמאל דארף מען צופארן צו א פלאץ וואו עס איז דא מנין, און ער דארףווארטען אז עס זאל זיך צוזאמקליבען נאך א פאר יודען ביז מען וועט קענען דאווענען מיט א מנין. ווען עס קומט צו לערנען, האט ער נישט זיין חברותא, ער האט נישט זיין שיעור, און די צייט גייט אוועק, און מען לערנט נישט. ווען מען איז אין דער פרעמד קען מען נישט אייביג אכט געבען אויף די עסן, און אויף זאכן וואס אין שטוב וואלט ער מקפיד געווען. ווען עס איז די פרשה פון ויהי בנסוע,

געשעהט א שינוי אין די סדר העבודה פון א יוד. ויהי בנסוע איז א ספר בפני עצמו, עס איז דא א ספר תורה וואס א יוד פירט זיך ווען ער איז אינדערהיים, און עס איז דא א עקסטערע ספר וואס ער פירט זיך אין דער פרעמד.

**די** גמרא (ברכות ד:) זאגט, אז אין אשרי, איז דא די גאנצע אלף בית, אויסער די אות נו"ן. ווייל נו"ן ווייזט אויף א נפילה, נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל (עמוס ה-ב). די פרשה פון ויהי בנסוע איז ארומגענומען מיט א נפילה פאר דעם, און א נפילה נאכדעם. עס האט א נו"ן פון די זייט, און א נו"ן פון יענע זייט. צו ווייזען אז אין די פרשה פון ויהי בנסוע, קען אמאל א מענטש פאלן פון זיינע מדריגות, און פון זיין מצב אין יודישקייט, וואס ער האט אין שטוב.

**אבער** די נו"ן איז נישט א גראדע נו"ן, עס איז א נו"ן הפוכה. פונקט ווי דער זומער קען זיין וואכען פון א נפילה, קען עס זיין א זמן פון א התעלות אויך. ווען א מענטש גרייט זיך צו צום זומער, ער האט אסאך צייט אינעם זומער מער פון א גאנץ יאר. עס איז דא טעג וואס מען האט וועקעשא"ן א וואך, עס איז דא ווי"ק ענד'ס וכדומה, און ער דארף אויסצונוצן די צייט, און דאווענען ווי עס ברויך צו זיין. מילא ווען ער האט זיין ארבעט יעדן טאג, ער איז טרוד מיט טירדות, און ער האט נישט קיין צייט אזויפיל צו דאווענען, און ער קען נישט דאווענען ווי עס דארף צו זיין, מיט כוונת התפלה, האט ער א תירוץ פארוואס ער דאווענט נישט. אבער ווען עס קומט זומער, קיינער יאגט נישט, מען קען רואיג דאווענען. עס איז דא צוויי חדשים אינעם יאר וואס ער קען מקדיש זיין צו דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, מלה במלה, מכוון זיין פירוש המילות, און זיך אויסבעטן ביים אייבערשטען וואס מען דארף. אז א מענטש גרייט זיך צו דערצו, קען ער אויסנוצען די צייט, אז אנשטאט אז ער זאל דעמאלטס מזלזל זיין אין תפלה, זאל ער שטייגען אין תפלה.

**די** זעלבע זאך איז מיט לימוד התורה. ער איז טאקע קובע עתים לתורה, ער האט זיין שעה וואס ער לערנט, אבער וויפיל נאך שעות איז דא אינעם זומער וואס ער קען מקדיש זיין פאר תורה. אז ער זאל וועלן אויסנוצן די צייט, קען מען אינעם זומער אנקומען אסאך מער וויפיל מען קומט אן אין משך פונעם יאר. - און אמאל איז עס געווען א נסיון, ער האט געדארפט האבן א מגיד שיעור וואס זאל לערנען מיט אים, און אז ער האט נישט געהאט א מגיד שיעור וואס זאל אים זאגן פשט אין די גמרא, איז אים זייער שווער געווען אז ער זאל אליין לערנען. עס איז היינט דא ב"ה גמרא'ס וואס לערנט זיך אליין, עס איז באטעמ'ט, צו עס איז די ארטסקרול גמרא, צו עס איז די מתיבתא גמרא, וואס איז מסביר יעדע גמרא, מען דארף נישט זוכן ווער עס זאל אים מסביר זיין די גמרא. אמאל אז מען איז פארהאנקערט געווארן אין א קשיא, האט ער נישט געוואוסט צו ער לערנט גוט די גמרא צו נישט, און מען האט זיך נישט געקענט זעהן אינדרויסן. אבער היינט קען מען אלעס. און אז מען וויל קען מען יעדן טאג אדורכלערנען א בלאט גמרא, עס איז דא יודען וואס לערנען א דף היומי יעדן טאג. אבער על כל פנים אין די זומער טעג, קען ער יעדן טאג אדורכלערנען א דף, אדער א עמוד. ווען ער לערנט א דף קען ער אנקומען הונדערט בלאט ביז די הייליגע טעג. און אז ער לערנט א עמוד יעדן טאג, קומט ער אן פופציג בלאט. ער קען גומר זיין א גאנצע מסכתא אינעם זומער. - אויב עס איז אים שווער צו לערנען אליין, איז דא היינט ב"ה סידי'ס און טעיפ'ס אויף יעדע מקצוע שבתורה. ווען מען גרייט זיך צו פאר זומער, וועלכע מסכתא ער וויל לערנען, און ער גרייט זיך צו זיינע טעיפ'ס און זיינע סידי'ס וואס ער דארף האבן, האט ער א אייגענעם מגיד שיעור וואס ער קען אים הערן א גאנצען טאג. ווען ער וויל לערנען, איז דער מגיד שיעור גרייט צו לערנען מיט אים דעם שיעור. ווען עס איז דא די ריכטיגע הכנה פון פריער, קען דער זומער זיין א זמן פון א דערהויבענקייט. ווען ער גייט ארויס מיט א פלאן וואס ער וויל גומר זיין דעם זומער, קען עס זיין א זמן פון א התעלות.

**ויהי** בנסוע איז טאקע א ספר בפני עצמו, עס איז דא א נפילה, אבער דער ויהי בנסוע קען זיין א ספר 'חשוב' בפני עצמו. נישט עס זאל זיין א נפילה, נאר עס זאל זיין א נו"ן הפוכה, עס זאל זיין פארקערט

פון א נפילה. א נפילה איז דא א גאנץ יאר, און די צייט פון ויהי בנסוע קען זיין אז עס זאל זיין א נו"ן הפוכה, אויסצונוצן די צייט אויף צו שטייגען.

**על** פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו (במדבר ט-כג), סיי ווען מען איז אינדערהיים, און סיי ווען מען איז אין דער פרעמד, דארף אלעס זיין על פי ה', זיך פירן על דרכי ה'. די גמרא (שבת לא:), זאגט, אז שבת זענען דא צוויי מלאכות, בונה און סותר. בויען איז אסור אין שבת, און סותר זיין איז אויך אסור אין שבת. און די גמרא פרעגט, בונה איז א מתקן, וועגן דעם איז מען חייב, אבער סותר איז דאך א מקלקל, און א מקלקל איז פטור. זאגט די גמרא אז מען איז נאר חייב ווען ער איז א סותר על מנת לבנות. ער איז סותר ווייל ער וויל איבערבויען, דאס הייסט אז ער איז א מתקן. ווען א מענטש צוברעכט א זאך אין די וואנט, ווייל ער וויל בעסער מאכן די וואנט, איז די סתירה אליין א חלק פונעם בנין. און די גמרא זאגט, אז דאס איז נאר ווען ער איז א סותר על מנת לבנות במקומו, ער צוווארפט זיין הויז דא, ווייל ער וויל עס איבערבויען דא. אבער ווען א מענטש צוווארפט זיין הויז דא, ווייל ער וויל נעמען די ציגל און עס בויען ערגעץ אנדערש, איז עס צוויי באזונדערע זאכן. דא ביסטו א סותר, דו האסט צובראכען, דו ווילסט טאקע בויען א צווייטע זאך, אבער אויף די מעשה איז מען נישט חייב, ווייל דאס איז א מקלקל.

**פרעגט** די גמרא, אלע מלאכות פון שבת לערנט מען דאך אראפ פון די משכן, און אין משכן איז געווען א סותר על מנת לבנות שלא במקומו. בשעת מען איז געגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, האט מען סותר געווען די משכן דא, און מען האט עס אויפגעשטעלט אויף א צווייטען מקום, זעהסטו דאך אז מען איז חייב אפילו עס איז א סותר על מנת לבנות שלא במקומו. זאגט די גמרא, וויבאלד עס שטייט על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו, איז עס אזוי ווי א סותר על מנת לבנות במקומו. אלעס איז געווען על פי ה', דער אייבערשטער האט געהייסען רוען דא, האט מען גערוהט דא, דער אייבערשטער האט געהייסען רוען דארט, האט מען גערוהט דארט. איז אפילו מען איז אוועקגעגאנגען פון איין פלאץ אויפן צווייטען פלאץ, און מען האט דארט אויפגעבויט, איז דא געווען על פי ה', און דארט איז געווען על פי ה', איז עס אזוי ווי א סותר על מנת לבנות במקומו. - עס פעלט אבער עפעס תבלין אין די ווערטער, פארוואס ווייל עס איז על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו, הייסט עס א סותר על מנת לבנות במקומו.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז ווען א מענטש פארט אונטערוועגנס אין די קאנטרי מיט א קאר, און אינמיטן וועג פרעגט ער דעם דרייווער, וואו האלט מען, וואו זענען מיר יעצט. זאגט ער, יעצט זענען מיר אין בראנקס. א פערטל שעה שפעטער פרעגט ער, וואו זענען מיר יעצט. זאגט ער, מיר זענען שוין אין ניו דזערסי. נאכדעם אין מאנסי, און נאכדעם אין מאנרא, אין מאנטיסעלא, און אזוי ווייטער. ווען מען פרעגט אבער א קליין קינד וואס איז אין די קאר, וואו זענען מיר יעצט. זאגט ער, נעבן מאמי. ווען מען פרעגט אים אין א האלבע שעה ארום, וואו זענען מיר יעצט, זאגט ער ווייטער, נעבן מאמי. אים איז נישט קיין חילוק ווי דער פלאץ איז, צו עס הייסט מאנסי אדער מאנרא, ער ווייסט איין זאך, ער איז נעבן די מאמע. און ער איז נעבן די מאמע סיי ווען ער איז דא, און סיי ווען מען איז געגאנגען ערגעץ אנדערש. ביי אים איז נישט דא קיין שום שינוי, און קיין שום נפקא מינה, וואס דער מקום איז, ער איז נעבן מאמי, דאס איז זיין פלאץ. ווען א מענטש לעבט פאר זיך אליין, איז דא איין מקום, און דא איז א צווייטע מקום, און אז ער איז סותר דא, און ער וויל בויען ערגעץ אנדערש, איז עס שלא במקומו. אבער ווען עס איז על פי ה' יחנו ועל פי יסעו, ווען ער איז אייביג נעבן דעם אייבערשטען, בין איך אייביג במקומי, איך בין אייביג אויפן זעלבן פלאץ. דא איז דער רבונו של עולם, האב איך דא געבויט, און דער רבונו של עולם קומט מיט מיר מיט ווייטער, און איך בוי עס ווייטער אויף דעם זעלבן פלאץ ווי דער אייבערשטער איז מיט מיר, איז עס אזוי ווי א סותר על מנת לבנות במקומו.

**דאס** איז דער על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו, סיי ווען מען איז אינדערהיים איז עס על פי ה', און סיי ווען מען גייט אוועק איז עס על פי ה', מען דארף

נאר וויסען אויסצונוצן די צייט ווען מען גייט אוועק, אז עס זאל נתקדש ווערן שם שמים. זיך פירן ערליך אין די אלע נסיונות וואס מען האט אין די זמנים ווען מען גייט ארויס פון שטוב. זאלן מיר אלע האבן א געזונטן זומער, און קענען אויפטון יעדער אין זיין מקום וואס ער דארף אויפצוטון.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהושע איצקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון די מרגלים, משה רבינו האט געשיקט די מרגלים אז זיי זאלן אריינגיין קיין ארץ ישראל, און ער האט זיי געזאגט, עלו זה בנגב, גייטס ארויף צו דרום זייט, ועליתם את ההר (במדבר יג-יז), און איר זאלט ארויפגיין אויפן בארג. און ער האט זיי געזאגט, ווי זיי זאלן זיך אומקוקען, ווען זיי קומען אן קיין ארץ כנען.

**עס** קען אפשר זיין א רמז, דער מדרש (ב"ר טז-ד) זאגט, אז תורה אין ארץ ישראל האט א גרויס חשיבות. וזהב הארץ ההוא טוב (בראשית ב-יב), אין תורה כתורת ארץ ישראל. עס איז נישטא נאך אזא תורה, ווי די תורה וואס מען לערנט אין ארץ ישראל, עס איז די חשוב'סטע תורה. די גמרא (כתובות עה.) זאגט, אז חד מינייהו כתרי מינן, איין תלמיד חכם אין ארץ ישראל, וועגט איבער אזוי ווי צוויי תלמידי חכמים אין בבל. זעהט מען אז דער באשעפער האט געגעבן אין ארץ ישראל א ספעציעלע השגה אין תורה. אין פשטות איז די טעם, ווייל עס איז א ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ה' אלקיך בה, מראשית השנה ועד אחרית שנה (דברים יא-יב), עס איז נישטא נאך אזא פלאץ פון השראת השכינה, ווי אין ארץ ישראל. תורה איז דאך פארבינדן מיט קדושה, ווי הייליגער דער פלאץ איז, איז די השגה פון תורה א העכערע השגה.

**עס** קען אבער זיין, אז עס איז דא נאך א טעם, פארוואס די תורה אין ארץ ישראל האט א ספעציעלע חשיבות. די גמרא (קידושין ל:) זאגט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט א יצר הרע, אבער ער האט אים געגעבן א תבלין, ער האט אים געגעבן א מעדעצין מיט וואס מען זאל קענען ניצול ווערן פונעם יצר הרע. ושמתם (דברים יא-יח) דרשנ'ט די גמרא (שם), אז עס איז אזוי ווי א סם, אזוי ווי א רפואה וואס מען גיט. ווען א מענטש איז נישט געזונט, און ער גייט צום דאקטער, און ער לייגט ארויף אויף אים א רטיה, און ער זאגט אים, ווילאנג דער בענדאזש איז אויף דיר, קענסטו עסן וואס דו ווילסט, און דו קענסט טרינקען וואס דו ווילסט, און עס וועט דיר נישט שטערן. ווען דו וועסט אוועקנעמען די רטיה וועסטו וויסען אז דער יצר הרע וועט אויף דיר שולט זיין. תורה איז א רפואה אקעגן דעם יצר הרע.

**דער מסלת ישרים** (פרק ה') שרייבט, אז עס איז נישטא קיין איינער וואס איז אזא מבין אויפן יצר הרע, ווי דער רבונו של עולם, וואס ער האט באשאפן דעם יצר הרע. און אז דער אייבערשטער זאגט, אז עס איז נישטא קיין אנדערע תבלין צום יצר הרע נאר תורה, איז א סימן אז עס איז נישטא עפעס אנדערש. ווייל איינער וואס האט געמאכט א כלי, און די כלי האט זיך צובראכען, איז דער אומן וואס האט געמאכט די כלי, ער פארשטייט די בעסטע ווי אזוי מען קען פארריכטן די כלי. און אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט א יצר הרע, און ער זאגט בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, זאלסטו וויסען אז ווילאנג מען ליגט נישט אין תורה, אזוי לאנג וועט ער נישט האבן א תבלין אקעגן דעם יצר הרע.

**דער** יצר הרע איז נישט ביי יעדען מענטש די זעלבע. די גמרא (סוכה נב.) זאגט שוין, אז ביי יודען איז ער מער שולט ווי ביי אומות העולם, ובתלמידי חכמים יותר מכולן, ביי א תלמיד חכם איז ער מער שולט. ווי מער סחורה עס איז דא, פארלייגט ער זיך מער. דער פסוק () זאגט, יגער ה' בך השטן וגו' הבוחר בירושלים, עס איז דא מפרשים וואס טייטשן, אז דער אייבערשטער וועט אנשרייען דעם שטן, וואס דער שטן איז בוחר אין ירושלים. ווייל ירושלים איז אזוי גרויס, איז דער שטן דארט

בוחר. דער יצר הרע איז שטערקער אין ארץ ישראל, ווי ערגעץ אנדערש. און אז דער יצר הרע איז שטערקער אין ארץ ישראל, און בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, מוז זיין אז דער תבלין, די תורה אין ארץ ישראל, איז א העכערע סארט תורה. ווייל אז די תורה איז אקעגן דעם יצר הרע, איז אז עס איז דא א קליינער יצר הרע, איז דא א קליינע השגה אין תורה, און טאמער דער יצר הרע איז א גרויסער יצר הרע, דארף מען האבן מער השגה אין תורה. ווייל עס איז הבוחר בירושלים, דער שטן איז בוחר אין ירושלים, וועגן דעם איז אין תורה כתורת ארץ ישראל. דער אייבערשטער האט געגעבן דעם תבלין כנגדו, אז דער השגה אין תורה איז דארט א העכערע השגה.

**משה** רבינו האט געוואוסט אז מען גייט אריין קיין ארץ כנען, און עס וועט זיין די נסיון פון די מרגלים, און וועגן דעם האט ער משנה געווען דעם נאמען פון הושע און ער האט אים געגרופן יהושע, י-ה יושיעך מעצת מרגלים. ער האט געוואוסט אז זיי זענען אנשים צדיקים, ערליכע יודען, דער יצר הרע האט נישט אזא שליטה אויף זיי, אבער ווען זיי וועלן ארויפקומען קיין ארץ כנען, וואס עס איז א העכערע מקום, דארט וועט זיין הבוחר בירושלים, און די מרגלים וועלן האבן א נסיון.

**האט** זיי משה רבינו געזאגט, עס איז דא איין עצה פאר דעם, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. אויב זיי וועלן זיך ארייןלייגען אין תורה, דעמאלטס וועלן זיי קענען באזיגן דעם יצר הרע. דער יצר הרע ווערט אנגערופן הר, אזוי שטייט אין די גמרא (סוכה נב.), אז לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע, און צדיקים איז נדמה להם כהר, דער יצר הרע איז ווי א בארג. מען געפונט אויך אין די גמרא (בבא בתרא כה:) הרוצה להחכים ידרים, וסימניך מנורה בדרום. דרום דאס ווייזט אויף תורה.

**האט** משה רבינו זיי געזאגט, 'עלו זה בנגב', עטץ דארפטס האבן א התעלות אין תורה, הרוצה להחכים ידרים, און דעמאלטס 'ועליתם את ההר', וועט עטץ קענען האבן אן עליה אקעגן דעם יצר הרע וואס איז הר, און אים בייקומען. ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל ווארט פאר ענק א גרויסער נסיון, די נסיון פון די מרגלים. אבער אויב עס וועט זיין 'עלו זה בנגב', אז מען וועט זיך ארייןלייגען אין תורה הק', 'ועליתם את ההר', וועט עטץ קענען בייקומען דעם יצר הרע, וואס איז נדמה להם כהר.

**ווען** א בחור ווערט בר מצוה, ווערט דער יצר הרע אויך א גדול, דער יצר הרע וואקסט אויך מיט. ווען ער ווערט מחוייב במצות, קומט צו דער יצר הרע אין א העכערע פארנעם פון וואס ער איז געווען ביז יעצט. און וואס איז דער תבלין אקעגן דעם יצר הרע, עלו זה בנגב, עס איז נישטא קיין אנדערע עצה, נאר בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. ווען א מענטש האט די תורה פאר א תבלין, ער לייגט אריין די קאפ אין תורה, ווען ער האט פרייע צייט זיצט ער און ער לערנט, די גאנצע קאפ איז אין תורה, דעמאלטס איז ועליתם את ההר, דעמאלטס קען מען האבן א עליה, און בייקומען דעם יצר הרע.

*

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תורה ויראה, ונשא מדברותיו.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן מחותנו **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** אב"ד שומרי שבת, עב"ג בת **הרה"ג רבי חיים ארי' כהנא שליט"א** (חתן הגה"צ רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א דומ"ץ דקהל יטב לב, וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שלח***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקצירת חיטים למצות מצוה בעיר ניו דזערסי (אחר שעלה ספיקות בכשרות החטים שנקצרו בשבוע שעבר, בהיות שנמצאו הרבה חטים מבוקעות בצדדי החיטה, עיין בשו"ת מהרש"ם ח"ב סימן ד'). **רבינו שליט"א** נפגש בשדה הקצירה עם **הגה"צ רבי אהרן גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ פאפא וומסב"ג, ועוד כמה רבנים מעיה"ת לעיקוואד שהגיעו לקצירת חטים למצות מצוה.

בין השיחים העלו גודל הטירחא והיגיעה שהיתה מנת חלקם של הרבנים בשנות קדם בעת קצירת החטים, וביניהם **הגה"צ מפאפא זצ"ל והגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**, אשר טרחו עצמם במשך שעות וימים בקצירת החטים ובדיקתם.

גם נדברו בענין החטים שנקצרו בשבוע הקודם, ומצאו בהם מבוקעות, וגם באחד מהשדות במקום הקצירה של עכשיו מצאו שהיתה מלא עם חיטים כאלו, הגם שלא ירדה גשמים בשדות אלו למעלה מחודש ימים אשר לפי ראות העין ניכר שזה סוג חולי שעל החיטה, שאינו נוגע לכשרותם למצות מצוה (עיין שו"ת **ישועת משה** ח"ג סימן ל"ח, ובספר **מצת מצוה** פרק ג' הערה מ"א. וע"ע **בשו"ת דברי מלכיאל** ח"ג סימן כ"ב, **ובשו"ת קנין תורה** ח"ה סימן ל"ח). **וגם לא** נמצאו ביניהם שום מבוקע אחורי הסדק הטבעי כמבוקעות הרגילות.

כאשר העיר אחד מהרבנים על טרחתו של **רבינו שליט"א** לאחוז דרכו שנית בקצירת חיטים מהודרים, הפטיר **רבינו שליט"א** בצחות ואמר: הלא מצה היא מיכלא דאסוותא, וכמה היה אדם מטריח עצמו להגיע לידי רפואה טובה ובדוקה... - אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בקצירת החיטים במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן.

*

***יום שלישי פרשת שלח***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת וואלנער ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פאגעל ע"ה (אשת הר"ר **אברהם מאיר פאגעל** הי"ו).

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **מנחם לעפקאוויטש** נ"ו, בן הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ירמי' הערשקא** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען.

אחר הפדיון הבן נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לביתו החדש של הר"ר **יוסף רובין** הי"ו וקבע מזוזה. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **שלמה זלמן גלויבער** נ"י בן הר"ר **חיים יעקב גלויבער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם צבי קליין** (ק"י) הי"ו, שהתקיים באולם סעליש.

*

***יום חמישי פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יואל** (בן הר"ר **אברהם שמואל** הי"ו) **פייערווערקער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ומוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט פון רבי יואל זאל זיין געזונט זייער א שיינעם רעיון אין די פרשה פון די מרגלים, און איך וויל צוגעבן א שטיקל ממשיך צו זיין די ווערטער. ער האט ארויסגעברענגט אז דער פסוק אם חפץ בנו ה' (במדבר יד-ח), גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, חפ"ץ איז מרמז אויף ח'יתוך פ'ריעה מצ'יצה. ביי דעם ברית מילה ווערט נתגלה אויפן קינד דער שם הוי"ה, און דאס איז אם 'חפץ' בנו 'ה'. מען זעהט אז ווען יהושע האט געדארפט אריינגיין מיט די מרגלים, האט משה רבינו מתפלל געווען, ויקרא משה להושע בן נון יהושע (במדבר יג-טז), י-ה יושיעך מעצת מרגלים, דער שם י-ה זאל דיך מציל זיין פון די עצה פון די מרגלים.

**מען** געפונט אין די גמרא (יבמות עב.), אז אלע פערציג יאר וואס יודען זענען געווען אין מדבר, ביז מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, האט מען זיך נישט געמל'ט. און די גמרא שטעלט זיך פארוואס מען האט זיך נישט געמל'ט פארדעם.

זאגט די גמרא, ווייל עס איז לא נשיב להם רוח צפונית. צו מילה דארף מען האבן א רוח צפונית, וואס דאס היילט, און אז עס איז נישט אנגעקומען א רוח צפונית, איז עס געווען א סכנה, האט מען זיך נישט געקענט מל'ן. פרעגט די גמרא, פארוואס איז נישט געווען א רוח צפונית. איז דא אין די גמרא צוויי טעמים, איינס, ווייל דלא נבדרי ענני, זיי זענען געווען ארומגענומען מיט די ענני הכבוד, און דער רוח צפונית וועט צושפרייטען די ענני הכבוד, איז נישט געקומען א רוח צפונית, כדי יודען זאלן זיין שטענדיג ארומגענומען מיט די ענני הכבוד. און איין טעם זאגט די גמרא, משום דנזיפי היו, זיי זענען געווען אנגעשריגען פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער איז געווען ברוגז אויף יודען, האט ער זיי נישט געשיקט א רוח צפונית.

**עס** איז דא דארט א מחלוקת צווישן רש"י מיט תוספות, ווען זיי זענען געווען נזופין. רש"י טייטשט אז זיי זענען געווען נזופין פונעם חטא העגל. פון ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, וואס דאס איז געווען שבעה עשר בתמוז, פון דעמאלטס אן איז נישט געווען קיין רוח צפונית. רוח צפונית איז נאר געווען פון ווען מען איז ארויס פון מצרים, ביז חטא העגל. און פון נאכן חטא העגל ביז מען איז אריין קיין ארץ ישראל, איז נישט געווען א רוח צפונית. - תוספות קריגט זיך דערויף, און תוספות זאגט, אמת אז זיי זענען געווען נזופין פונעם חטא העגל, אבער יום כיפור האט דער אייבערשטער מוחל געווען דעם חטא העגל. קומט אויס, אז פון שבעה עשר בתמוז ביז יום כיפור איז דא א תירוץ אז זיי זענען געווען נזופין פונעם חטא העגל, אבער יום כיפור האט מען מכפר געווען אויפן חטא העגל. וועגן דעם זאגט תוספות, אז זיי זענען געווען נזופין פון די מרגלים. די רוח צפונית האט אנגעהאלטן פון יום כיפור ביז מען האט געשיקט די מרגלים, און ביי די מרגלים האט זיך עס אויפגעהערט.

**קומט** אויס, אז טאמער מען וועט נכשל ווערן אין די עצה פון די מרגלים, וועט מען פארלירן דעם רוח צפונית. און אז מען פארלירט דעם רוח צפונית, פארלירט מען די מצוה פון מילה, ווייל מען קען זיך נישט מל'ן. אזוי ווי ביי מצות מילה ווערט נתגלה דער שם הוי"ה אויפן קינד, האט משה רבינו געזאגט פאר יהושע, דו זאלסט זיך אכט געבן פון די עצה פון די מרגלים, ווייל טאמער דו וועסט אדורכפאלען מיט די עצה פון די מרגלים, וועט נישט זיין קיין רוח צפונית, און עס וועט אויסקומען אז דער שם הוי"ה וועט נישט זיין אויף אונז. י-ה יושיעך מעצת מרגלים, דו זאלסט געדענקן אז דורכדעם וועט בטל ווערן די מצוה פון מילה, און עס וועט פארלוירען ווערן פון אונז דער שם הוי"ה, און דאס וועט דיך מציל זיין פון די עצה פון די מרגלים.

**דאס** האט משה רבינו געזאגט, אם חפ"ץ בנו ה', אונז וויל מיר אז עס זאל זיין שפעטער, ח'יתוך פ'ריעה און מצ'יצה, און 'בנו ה', אין אונז זאל זיין דער שם הוי"ה, טאמער מיר וועלן נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, וועט דער אייבערשטער כועס זיין אויף אונז, און עס וועט נישט זיין א רוח צפונית, וועט נישט זיין א מילה, און עס וועט נישט זיין אם חפץ בנו ה'.

*

אחר הברית קבע **רבינו שליט"א** המזוזה על מזוזת שער הראשי החדש בבית מדרשנו בוויליאמסבורג.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקעמפ לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק'.